פרשת ויחי ||| שנת תשפ"ד לפ"ק ||| גליון ל"ד ||| שנה ב'

# הבינוני

שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

"להבין ולהשכיל לשמוע ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים"
הבינוני
שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

פטרון סדר בראשית
הרוצה בעילום שמו
לזכותו ולזכות משפחתו
לברכה והצלחה ברוחניות ובגשמיות

## בך בטחתי

**תמים תהי' עם ה' אלקיך;**
אַרויפוואַרפן דעם גאַנצן טאָג אויף דעם רבוש"ע

יום ראשון פרשת שופטים אלף אלול תשע"ט

א

## בכל דרכיך דעהו; זיך לאָזן פירן פון השי"ת אין אַלע סאָרט סיטואַציעס

### די תורה האָט נישט געהייסן נאָכלויפן קיין מצוות

דער **מדרש** (תנחומא חקת) זאָגט אויפ'ן פסוק: **"סור מרע ועשה טוב בקש שלום ורדפהו"** - אַז די איינציגע זאַך וואָס רבוש"ע האָט געהייסן נאָכלויפן, איז דאָס ענין פון 'שלום', אָבער אַלע אַנדערע מצוות האָט השי"ת נישט געהייסן אַז מיר זאָלן דאָס נאָכלויפן, נאר אויב ס'קומט אונטער אַ מצוה דאַרף מען דאָס מקיים זיין.

דער מדרש זאָגט דאָס לשון: **"לא פקדה התורה לרדוף אחר המצוות, אלא כי יקרא קן צפור לפניך, כי תפגע שור אויבך, כי תראה חמור שנאך, כי תחבוט, כי תבצור, כי תבוא בכרם רעך, אלא אם בא לידך תעשיהו, ואם לא בא לידך אין אתה צריך לרדוף אחריו."** - אויב דער רבוש"ע האָט דיך מזמין געווען אַ 'קן ציפור' דאַרפסטו מאַכן 'שליח הקן'; אויב השי"ת האָט דיך געברענגט צו זען 'חמור שונאך' דאַרפסטו אים העלפן. אָבער דאַרפסט נישט גיין זוכן וואו ס'איז דאָ אַ 'קן ציפור' אָדער אַ 'חמור שונאך'.

### יעדע רגע קען מען מקיים זיין דעם רצון ה'

איז דער הייליגער **ישמח משה** מסביר (פרשת נשא) אַז באמת קען מען ביי יעדע זאַך מקיים זיין 'עבודת הבורא'. ס'איז נישטאָ קיין זאַך אויף דער וועלט וואָס מ'קען נישט דערמיט דינען השי"ת, ווי דער פסוק זאָגט 'בכל דרכיך דעהו'!

ווען אַ איד האָט יעצט גאָרנישט וואָס צו טון, דאַרף ער נישט גיין נאָכלויפן מצוות, **ער זאָל זיך פשוט זעצן לערנען תורה, תלמוד תורה כנגד כולם!** מ'קען אַלעמאָל טון דעם רצון דורך לימוד התורה, טאַקע אויף די פלאַץ וואו מען געפינט זיך! אַצינד, ווען ס'קומט אונטער אַ מצוה וואָס מ'דאַרף יעצט מקיים זיין, אָה, מאַכט דער מענטש אַ 'שהחיינו וקיימנו' אַז דער רבוש"ע האָט אים מזמין געווען אַ מצוה, כ'קען יעצט שאָקלן לולב, כ'קען יעצט מקיים זיין אן אַנדערע מצוה שהזמן גרמא, הפלא ופלא!

### דער 'בעל בטחון' זעט איבעראָל דעם דעם רצון ה'

אַ איד וואָס איז אַ ריכטיגער בוטח בה' קוקט אַזוי אויף דעם גאַנצן לעבן. **יעדע מציאות וואו ער טרעפט זיך האָט אים דער רבוש"ע יעצט דאָרט אַריינגעשטעלט אַז ער זאָל קענען מקיים זיין דעם רצון ה', טאַקע אין דעם ספעציפישן מצב!**

ער מישט זיך נישט אַריין אין די געשעפטן פון השי"ת; ער איז נישט אַזאַ איינער וואָס האָט ליב זיך צו אליינס אויסקלויבן וואָס זיין תפקיד זאָל זיין; ער זאָגט נישט אַז ער וויל טון אן אַנדערע סאָרט רצון ה'; **נאָר ער פריידט זיך מיט יעדע מצווה וואָס השי"ת שיקט אים אונטער!** למשל, ווען אן אָרימאַן קומט אָן צו אים פריידט ער זיך, אַז דער רבוש"ע האָט אים יעצט מזמין געווען די מצוה, ווי ס'שטייט אין זוהר הק' אַז ווען השי"ת האָט איינעם ליב שיקט ער אים אַ מתנה, אַן 'עני', צו קענען זוכה זיין מיט אַ מצוה.

### די געשמאַק פון ווערן געפירט דורך השי"ת

דער 'בעל בטחון' האָט בעסער ליב די מצוות וואָס מען שיקט אים אונטער פון הימל, און נישט די מצוות וואָס ער גייט אליינס אויפזוכן, ווייל ווען ס'קומט מיך אונטער ווייס איך אַז דאָס קומט גלייך פון השי"ת. ווידער אויב איך טו דאָס אליינס מיש איך זיך שוין אַריין דערינען, ס'איז שוין נישט די זעלבע מדריגה!

דאָס איז שייך סיי ביי די מצוות, און זיכער

### ◂אותיות מחכימות▸

ישמח משה פרשת נשא ד"ה במדרש פרשה זו

ועל פי זה יתבאר המדרש (במדבר רבה, פרשה י"ט סימן כז): "לא פקדה התורה לרדוף אחר המצוות, אלא כי יקרא קן צפור לפניך, כי תפגע שור אויבך, כי תראה חמור שנאך, כי תחבוט, כי תבצור, כי תבוא בכרם רעך, אלא אם בא לידך תעשישהו, ואם לא בא לידך אין אתה צריך לרדוף אחריו."

לפי שאין לך דבר ותנועה שאין בו עבודת הבורא, כאמור בכל דרכיך דעהו, אם כן למה ירדוף שתבא לידו, מה לי זו מה לי אחרת, על דרך משל אם יש לו פנאי לרדוף יעסוק בתורה ותלמוד תורה כנגד כולם רק אם בא לידו חביבה מצוה בשעתה והבן. וגם מצוה זו שירדוף אחריה מתקיימת על ידי אחר, וישראל ערבין זה בזה, זה עושה מצוה זו וזה עושה מצוה זו.

## אותיות מחכימות

צוואת הריב"ש אות י'

ויחשוב שכל דבר שיש בעולם הכל מלא מהבורא יתברך שמו, וכל דברים הנעשים מכח מחשבות בני אדם בתחבולות ואפילו דבר קל שבקלים שנעשה בעולם – הכל הוא מהשגחתו יתברך. ולא יהיה החילוק אצלו בדבר שהיה רוצה בין שנעשה כרצונו בין שלא נעשה כרצונו, כיון שהכל מהבורא יתברך והוא יודע שכן טוב לו שלא יהיה נעשה כמו שהיה ברצונו.

אַזוי ווען ס'קומט צו ענינים ווי פרנסה וכדומה. **דער בוטח בה' האָט ליב צו באַקומען זיין פרנסה פון פלעצער וואו דער אויבערשטער האָט אים צוגעפירט, נישט פון זאַכן וואָס ער האָט זיך אליינס אויסגעקליבן!** ס'איז אים רואיגער ווען ער ווייסט יעדן טאָג אַז דאָס איז דער מציאות וואָס השי"ת האָט מיך היינט געגעבן.

## אַלעס וואָס פּאַסירט איז די בעסטע זאַך פאר מיר

באמת שטייט דער יסוד אין **'צוואת הריב"ש'** פון דעם **בעש"ט הק'**, אַז אַ מענטש דאַרף זיך אויסאַרבעטן אַז **ס'זאָל אים נישט זיין קיין שום חילוק צו ס'איז געוואָרן אַזויווי זיין 'רצון' אָדער ס'איז נישט געוואָרן זיין רצון.** ער זאָל זיך פאַרלאָזן אינגאַנצן אַז: "דער אויבערשטער שטעלט מיך צו אַלעס וואָס כ'דאַרף האָבן". דאָס וועט ברענגען אַז **ער וועט קיינמאָל נישט מקפיד זיין** און ער וועט קיינמאָל נישט האָבן קיין צער, **אפילו אויב זאַכן האָבן זיך נישט אויסגעאַרבעט וויאַזוי ער האָט געוואָלט.**

## דער 'בעל בטחון' איז קיינמאָל נישט צעבראָכן אַז: "כ'האָב אַזויפיל פּרובירט און ס'איז נישט געוואָרן גאָרנישט דערפון".

עס גייט דאָך אַוועק אַזויפיל ענערגיע פון מענטשן ווייל זיי האָבן געוואָלט עפּעס דורכפירן און ס'איז נישט געלונגען. אָבער דער בוטח בה' איז צופרידן אַז דער רבוש"ע האָט געוואָלט אַנדערש. ער גלייבט הונדערט פּראָצענט: "**אויב וואָלט געווען דער רצון ה' אַזוי ווי מיין פּלאַן, וואָלט ער מיך זיכער געהאָלפן, און אַז ס'איז נישט צושטאַנד געקומען, איז זיכער אַז דאָס איז אַ טובה און ס'וואָלט נישט געווען גוט פאר מיר**".

ב

# כי הוא הנותן לך כח לעשות חיל; וויסן דעם אמת איבער 'השתדלות' שפּאָרט איין אַזויפיל עגמת נפש

## די 'תוצאות' האָבן נישט קיין שום שייכות מיט די 'השתדלות'

אַז מען וועט זיך מתבונן זיין וועט מען זען אַז מענטשן פּרובירן אַגאַנץ לעבן צו אויספירן פאַרשידענע זאַכן 'מכח אל הפועל' און זיי רעדן זיך אַז אויב וועלן זיי טון 'כך וכך' וועט די תוצאה זיכער זיין 'כך וכך'...

אָבער באמת איז דאָס בכלל נישט רעלעוואַנט און ס'האָט נישט קיין שום קשר מיט די מציאות! והא ראי' אַז צוויי מענטשן קענען טון ממש די זעלבע זאַך, און מען זעט אַז פאר איינעם גייט עס יאָ און פאר דעם אַנדערן אַרבעט עס גאָרנישט! פאַרוואָס איז דאָס אַזוי?! ווייל דער רבוש"ע איז מטיב פאר יעדן איד; **פאַר דעם ערשטן איז גוט אויב די זאַך וועט אַרויסגיין מכח אל הפועל, דעריבער אַרבעט זיך עס טאַקע אויס, און פאַר'ן צווייטן איז עס נישט גוט, ווערט עס טאַקע נישט פּאַסירן!**

## אַז מ'גיט זיך איבער אין די הענט פון השי"ת קען מען נישט ווערן צעבראָכן פון גאָרנישט

ווען אַ איד איז אַ 'בעל בטחון' עקשנ'ט ער זיך נישט אויף קיין שום זאַך, **ער ווייל בלויז דאָס וואָס דער רבוש"ע ווייל**. אויב פּאַסירט דאָס נישט, וועט ער אויטאָמאַטיש דאַנקען ווייל **ער האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין פּלאַן אויף גאָרנישט!**

ער איז זיך שוין 'לכתחלה' מכניע פאַר'ן רצון ה' מיט יעדן פּרט פון זיין לעבן, וויאַזוי זיינע קינדער גייען אויסקוקן, וויאַזוי זיין פרנסה גייט זיין, א.א.וו. ער האָט זיך קיינמאָל נישט אויסגעמאָלן אַ בילד וויאַזוי ס'דאַרף אויסזען זיין לעבן, **ממילא ווערט ער קיינמאָל נישט צעבראָכן** ווען ס'ווערט נישט אויסגעפירט קיין זאַכן מכח אל הפועל.

## אויב ס'פעלט בטחון פאַרשווענדעט מען ענערגיע פאר נאַרישקייטן

מענטשן אינוועסטירן מסתם אַכציג פּראָצענט פון זייערע 'כוחות הנפש' צו אויספירן זאַכן און פּראָיעקטן, **אָבער זיי ווייסן נישט אַז השתדלות קען דאָס בשום אופן נישט מאַכן! נאָר דער רבוש"ע קען דאָס דורכפירן!**

> ער איז זיך שוין 'לכתחילה' מכניע פאַר'ן רצון ה' מיט יעדן פּרט פון זיין לעבן, וויאַזוי זיינע קינדער גייען אויסקוקן, וויאַזוי זיין פרנסה גייט זיין, א.א.וו.

צא ובדוק, גייט קוקט זיך אום אין דער וועלט: וויפיל מענטשן זענען בעצבות און צעבראָכן ווייל זיי האָבן נישט מצליח געווען צו ערגעצן זייערע פּלענער! אויב וואָלטן זיי געוואוסט אַז השתדלות קען גאָרנישט עררייכן, און אַלעס איז תלוי בלויז אין דעם רצון ה'" וואָלטן זיי גלייך אויפגעגעבן און זיי **וואָלטן זיך איינגעשפּאָרט די גאַנצע צער און עגמת נפש.**

## די 'השתדלות' האָט געאַרבעט בלויז 'ווייל' דאָס איז געווען דער רצון ה'

דער טעות פון מענטשן קומט פון דעם ווייל זיי זען אַנדערע וואָס האָבן גראַדע יאָ געמאַכט השתדלות און ס'איז דערנאָך געלונגען אַז די זאַך האָט זיך אויסגעאַרבעט. דאָס מאַכט אַז מענטשן זאָלן מיינען כאילו די השתדלות האָט געברענגט די הצלחה.

**אָבער דאָס איז דאָך שקר וכזב.** באמת האָט דער רבוש"ע אליינס מוציא געווען די זאַך מכח אל הפועל, נאָר ער האָט אַזוי אַרומגעדרייט אַז ס'זאָל נישט זיין קיין אָפּענער נס, און ער האָט דאָס מלביש געווען אין אַן 'השתדלות', ווי דער **תרגום** זאָגט אויפ'ן פּסוק (דברים ח, יח): "**וזכרת את ה' אלוקיך כי הוא הנותן לך כוח לעשות חיל- ארי-הוא יהיב לך עיצא למקני נכסין.**", דער רבוש"ע האָט דיך געגעבן די עצה ווייל ס'איז שוין געווען באַשערט אַז דאָס זאָל מצליח זיין, **דערפאַר קוקט אויס כאילו ס'איז דאָ אַ שייכות צווישן די השתדלות און די תוצאות למעשה.**

אודאי, אויב אַ מענטש טוט בכלל נישט זיין

השתדלות, דעמאָלט האָט ער אַן עיכוב, מען ווערט פון הימל צוריקהאַלטן די שפע, ווייל מ'דאַרף טון די חלק פון השתדלות אויך, אָבער מ'דאַרף אַלעמאָל געדענקן אַז **"נישט די השתדלות ברענגט די תוצאות"**. אַז מען ווייסט דאָס באַקומט מען אַזאַ 'מנוחת הלב והנפש', ווייל מען איז מער נישט אַזוי דבוק צו דער השתדלות, **דאָס האַרץ קלאַפּט נישט אַזוי שטאַרק בשעת מעשה.** דער מענטש געדענקט: "איך דאַרף טון וואָס כ'דאַרף טון, אָבער וואָס וועט זיין דערפון?! דאָס האָט במילא נישט צוטון מיט מיינע פעולות!". דאָס גיט אַ ריכטיגע מנוחת הנפש!

ג

# גול אל ה' מעשיך; לאָז השי"ת פירן אַלע דיינע פּלענער

### גול אל ה' מעשיך ויכונו מחשבותיך

נאָך אַ יסוד נפלא שטייט אין **צוואת הריב"ש** אויף'ן פסוק 'גול אל ה' מעשיך ויכונו מחשבותיך', אַז יעדע זאַך וואָס פּאַסירט פאַר'ן מענטש זאָל ער געדענקן אַז דאָס קומט פון השי"ת, און דערפאַר זאָל ער אַלעמאָל מתפלל זיין **אַז דער רבוש"ע זאָל אים מזמין זיין וואָס דער אויבערשטער ווייסט אַז ס'איז גוט פאַר אים**, און נישט דאָס וואָס דער מענטש מיינט אַז ס'איז גוט!

דער בעש"ט הק' לייגט צו אַז ס'קען זיין זאַכן וואָס אין דעם מענטש'נס אויגן איז דאָס אַ טובה, אָבער באמת איז דאָס זייער שלעכט פאַר אים! דעריבער זאָל ער אַלעמאָל אַרויפוואַרפן אַלע זיינע ענינים און באַדערפענישן אויף השי"ת.

### די ריכטיגע אַפּטייטש פון 'השלך על ה' יהבך'

דער פסוק "השלך אל ה' יהבך והוא יכלכלך", מיינט נישט אַז דו ווילסט עפּעס און דער רבוש"ע וועט זיכער מאַכן צו אויספירן דיין פּלאַן... ניין, דאָס הייסט נישט קיין בטחון, ווייל דעמאָלט, אויב ס'וועט זיך נישט אויסאַרבעטן לויט דיין רצון, אויב השי"ת זעט אַז ס'איז נישט גוט פאַר דיר און ער וועט דיר עס נישט געבן, וועסטו ווערן צעבראָכן און נישט האָבן קיין מנוחת הנפש.

'השלך אל ה' יהבך' איז טייטש אַז אַ איד איז מתפלל: **"רבוש"ע מאַך מיט מיר וויאַזוי דו פאַרשטייסט אַז דאָס איז די בעסטע מצב פאַר מיר"**. גלייב דאָס! חזר דאָס! וועט חל זיין אויף דיר אַ מורא'דיגער אור פון רואיגקייט און לעכטיגקייט. **וועסט באמת זיין צופרידן מיט וואָס דער אויבערשטער האָט געמאַכט.** 'השלך על ה' יהבך' מיינט אַז דער איד ווייסט נישט וואָס ער וויל אויספירן! ער וויל בלויז גיין דאָרט ווי השי"ת וועט אים פירן!

### דער 'בוטח' האָט אַלעמאָל דאָס מאַקסימום 'מנוחת הנפש'

דער חובת הלבבות איז מבטיח פאר יעדן איד: **אויב דו וועסט האָבן בטחון, וועט קיין שום זאַך דיך נישט קענען צעברעכן! וועסט נישט ווערן פאַרלוירן פון גאָרנישט!**

אפילו אויב מ'וועט אים חלילה אָנרופן מיט אַ בשורה רעה, וועט ער נישט ווערן צעקלאַפּט נאָר ער וועט בלייבן רואיג, ווייל ער וועט פאַרשטיין **אַז פון די מינוט און ווייטער האָט אים השי"ת אויסגעטרעטן אַ נייע וועג וואָס זאָל אים מאַכן זיס דאָס לעבן.** יעדער איד קען זוכה זיין דערצו, אפילו איינער וואָס האָט נאָכנישט די שלימות פון בטחון קען שוין אָבער האָבן אַ חלק דערפון, און אַזוי גיין ווייטער און העכער.

### די זיסע 'תענוג' פון נישט האָבן קיין שום האָפענונג, נאָר דער רבוש"ע אַליינס

דער חובת הלבבות לערנט אונז אַז אַ איד וואָס איז זיך בוטח בהשי"ת האָט די גרעסטע 'מנוחת הנפש' אַלעמאָל. **די שווערסטע טאָג פון זיין לעבן קען זיין דאָס בעסטע טאָג פון זיין לעבן!**

איך האָב דאָס אַליינס געהערט פון אידן, נישט אידן וואָס זענען אַריבער די צווייטע וועלט מלחמה, נאר מענטשן וואָס דרייען זיך דאָ צווישן אונז. אַ איד האָט זיך אַמאָל אויסגעדרוקט אַז **די געשמאַקסטע סעקונדע פון זיין לעבן איז געווען ווען מען האָט אים אָפּגעזאָגט פון זיין אַרבעט,** וואו ער האָט פאַרדינט צוואַנציג טויזנט דאָלאַר אַ חודש! ער **געדענקט נישט נאָך אַזאַ תענוג ווי יענע מינוט וואָס מ'האָט אים מודיע געווען אַז ער איז אָפּגעזאָגט פון זיין פרנסה!**

אַזוי האָט געזאָגט דער **חזון איש** זצ"ל אַז ס'איז נישטאָ קיין גרעסערע תענוג ווי דער תענוג ווען דער מענטש קומט אָן צו דער הכרה אַז ער האָט שוין נישט קיין שום מהלך און קיין אויסוועג בדרך הטבע און ער קען זיך יעצט בלויז פאַרלאָזן אויפ'ן אויבערשטן.

### דאָס רואיגקייט פון איבערגעבן דעם טאָג פאַר השי"ת

אויב אַ מענטש שפירט נאָכנישט די פולסטע רואיגקייט מיינט דאָס אַז ער דאַרף נאָך האָרעווען אויף די מדה פון בטחון. יעדן אינדערפרי' זאָל ער זיך איינ'חזר'ן אין קאָפּ: "וואו וויל איך היינט אָנקומען?! איך ווייס נישט וואו! איך וויל אָנקומען דאָרט ווי דער רבוש"ע וועט מיך טראָגן!".

אודאי, אויב קומט אים נישט אונטער קיין שום טרדות זאָל ער זיך זעצן און לערנען, ווייל דאָס איז זיכער דער רצון ה' יעצט, **אָבער אויב ער זעט אַז השי"ת האָט אים מזמין געווען אַנדערע ענינים; ער דאַרף גיין צו דער אַרבעט, אָדער ער דאַרף ערלעדיגן פאַרשידענע זאַכן צו העלפן אין שטוב; זאָל ער דאָס טון מיט אַ מנוחת הנפש!** קיין שום זאַך קען אים נישט אַרויסנעמען פון זיין רואיגקייט, ווייל ער האָט דאָך לכתחלה אַזוי אויסגעשטעלט זיין האַרץ, אַז ער וויל ווערן געפירט דורך דעם רבוש"ע.

**אותיות מחכימות** — צוואת הריב"ש

כלל גדול: גול על ה' מעשיך ויכונו מחשבותיך, שכל דבר שיזדמן יחשוב שהוא מאתו יתברך, ויראה שיבקש מהשם יתברך שיזמין לו תמיד מה שהשם יתברך יודע שהוא לטובתו ולא מה שנראה לבן אדם על פי שכלו, כי אפשר מה שבעיניו טוב הוא רע לו, רק ישליך הכל כל עניניו וצרכיו עליו יתברך.

ד

# כל מה דעביד רחמנא לטב עביד; מקבל זיין די הנהגת השי"ת נעמט אַוועק רוב יסורים

### די עיקר גורם פאר ליידן איז די 'התנגדות' דערצו

אין דער וועלט פון 'תורת הנפש' איז דאָ אַ וואָרט אויף ענגליש, "pain plus resistance equals suffering". וואָס באַדייט אַז 'ווייטאָג' **וואָס קומט צוזאַמען מיט 'ווידערשטאַנד' איז גורם 'ליידן' און צער.**

ווען אַ מענטש גייט אַריבער אַ פּיינפולע געשעעניש אין לעבן, **מוז דאָס נישט מיינען אַז ער פּייניגט זיך יעצט.** די צער פּאַסירט בלויז נאָכדעם וואָס דער מענטש וויל נישט די צער און

ער שטעלט זיך קעגן די יסורים - דאָס ברענגט אים די געפיל פון ליידן!

### דער ׳בעל בטחון׳ שטעלט נישט קיין ׳התנגדות׳

דער בוטח בה׳ וועט קיינמאָל נישט האָבן קיין ׳ווידערשטאַנד׳. ער דאַרף ניטאַמאָל אַרבעטן אויף זיך. **ער האָט זיך שוין לאַנג צוריק מרגיל געווען אין זיין מחשבה אַז ער וויל בלויז וואָס דער אויבערשטער וויל**, ווייל דאָס איז זיכער די בעסטע זאַך פאַר אים. אויב דער רבוש״ע האָט מיך נישט געגעבן אַ געוויסע זאַך, דאַרף איך דאָס נישט!

אַזאַ מענטש וועט קיינמאָל נישט שפּירן קיין צער און **אפילו די פיזישע ווייטאָג וועט אים גרינגער ווערן!** ווייל ער פאַרשטייט און ער לעבט מיט דער הכרה אַז זיין יעצטיגע מצב איז דאָס בעסטע זאַך פאַר אים.

### די ׳יסורי הגוף׳ ווערן גרינגער דורך די ריכטיגע מחשבות

דאָס קען מען זען במציאות מיט די פליישיגע אויגן וויאַזוי אידן וואָס נעמען אָן זייערע יסורים באהבה, מיט אַן אמונה און בטחון, **האָבן פשוט אַ גרינגערע דורכגאַנג**, זיי ליידן אַסאַך ווייניגער, ווייל זיי שטעלן נישט קיין ׳ווידערשטאַנד׳!

איך האָב גערעדט מיט מענטשן וואָס זענען ליידער אַריבער שטאַרקע יסורים, אָבער אין דער מינוט וואָס זיי זענען אָנגעקומען צו דער הבנה אַז אַלעס וואָס דער אויבערשטער טוט פאַר זיי איז דאָס בעסטע זאַך, האָט דאָס זיי אַראָפּגענומען אַ ריזיגע חלק פון דעם צער! **עס האָט זיי פאַרלייכטערט נישט בלויז מיט די ׳יסורי הנפש׳ נאָר אפילו זייערע ׳יסורי הגוף׳ איז אַסאַך גרינגער געוואָרן.** זיי האָבן אָנגעהויבן שפּירן בעסער!

### מען ווייַנט נישט צוליב דעם פּאַטש אָדער דעם קניפּ...

אַ פשוט׳ע ביישפּיל צו דעם כלל קען מען זען ביי קליינע קינדער. ווען אַ קינד באַקומט אַ פּאַטש פון אַ חבר וועט ער וויינען אַ לאַנגע צייט, ווייל ער שפּירט זיך געטראָפן, עס טוט אים וויי די דערנידערונג. אָבער ווען אַן עלטערער איד וועט אים געבן אַ ליבשאַפט קניפּ אין די באַקן, וועט דאָס קינד נישט וויינען, טראָצדעם וואָס עס ציפּט אים און ער שפּירט דאָס נאָך דריי שעה שפּעטער... **דער קניפּ אין די באַקן טוט אים וויי הונדערט מאָל מער ווי די פּאַטש.** בפרט אַז ס׳איז דאָ אַזעלכע וואָס טוען דאָס מיט אַ ספּעציעלע אכזריות...

פאַרוואָס וויינט דאָס קינד בלויז ביי דעם פּאַטש?! **ווייל אַזוי אַרבעט יסורים! ווען מען דינגט זיך דערמיט, מען שטעלט אַ ווידערשטאַנד, דעמאָלט טוט עס וויי!** אָבער אויב מ׳ווייסט אַז דאָס איז געקומען פון ליבשאַפט דעמאָלט ציפּט עס טאַקע אָבער מ׳האָט נישט דערפון קיין יסורים און מען וויינט נישט!

## ״די געשמאַקסטע סעקונדע פון זיין לעבן איז געווען ווען מען האָט אים אָפּגעזאָגט פון זיין אַרבעט

### די עיקר סיבה פון צעבראָכנקייט איז ווייל מ׳איז אויפגערעגט

אויב איז דאָס ריכטיג ביי פיזישע ווייטאָג איז דאך עס זיכער אמת ביי מענטשן וואָס גייען דורך מצבים וואָס איז אַנדערש ווי זיי האָבן געוואָלט. **בדרך כלל איז אַכציג פּראָצענט פון די ווייטאָג וואָס מענטשן האָבן, וויבאַלד זאַכן זענען געגאַנגען אַנדערש ווי זייער פּלאַן!**

דער מענטש האָט געהאַט אַ גאַנצע חשבון וואָס ער גייט טון מיט׳ן געלט און ס׳איז געגאַנגען לטמיון. **ס׳טוט אים נישט אַזוי וויי אַז דאָס געלט איז פאַרלוירן געגאַנגען ווי דער פאַקט אַז ער האָט געהאַט אַ חשבון און ס׳איז צענישט געוואָרן.** רוב פון די צער וואָס מענטשן ליידן איז **׳ווייל זיי זענען אויפגערעגט׳!** זיי זענען נישט מסכים צו דעם פּלאַן וואָס השי״ת האָט זיי אונטערגעשיקט אַנדערש ווי זיי האָבן זיך פאָרגעשטעלט!

### ׳אויפגעבן קאָנטראָל׳ איז די בעסטע גאַראַנטיע פאַר ׳מנוחת הנפש׳

מענטשן דרייען זיך אַרום פאַרוויטאָגט צוליב קליינִיגקייטן, בלויז ווייל זיי ווילן נישט מקבל זיין די הנהגה פון השי״ת. צ.ב.ש. ס׳האָט זיך איינעם צעבראָכן אַ ווערטפולע כלי, ער איז יעצט אויס-מענטש, ער קען זיך נישט מצמצם זיין צו לערנען היינט. אָבער דער זעלבער מענטש ווען ס׳קומט צו אויסגעבן געלט פאר אַנדערע נאַרישקייטן וועט ער נישט טראַכטן קיין צוויי. ״ערשט וועל איך אויסלייגן דאָס געלט, כ׳וועל עס שוין דעקן פון ערגעץ״. דעמאָלט טוט אים בכלל נישט וויי אַז ער פאַרלירט אַזויפיל געלט... די סיבה פאַרוואָס יעצט באַדערט אים עס אַזוי שטאַרק איז ווייל ס׳האָט פּאַסירט עפּעס אנדערש ווי ער האָט געפּלאַנט, דערפאַר איז ער אַזוי אויפגערעגט.

צומאָל לייגט מען אַריין אַזויפיל ענערגיע אין פּלענער און ווען זאַכן אַרבעטן זיך נישט אויס גענוי לויט דעם פּלאַן ווערט מען מבולבל און פאַר׳דאגה׳ט. באמת דאַרף מען אָבער לעבן מיט דעם ריכטיגן צוגאַנג, אַז אַלעס וואָס פּאַסירט איז ספּעציעל באַשטעלט פון הימל! ווען מען האָט געליטן פון סיי וועלכע שאָדן שפּירט מען גלייך: **ווען איך וואָלט דאָ עפּעס געטון, וואָלט איך געקענט זיין צעבראָכן דערפון, אָבער דער רבוש״ע האָט דאָך מזמין געווען אַז ס׳זאָל פּאַסירן!** איך האָב טאַקע געוואָלט איין וועג, אָבער ברוך ה׳ אַז השי״ת האָט מיך געוויזן אַז די אַנדערע וועג איז בעסער פאַר מיר! אַזוי לעבט מען אַלעמאָל מיט אַ מנוחת הנפש.

דאָס איז דער סוד פון ״אין שמחה כהתרת הספיקות״. דער בעל בטחון האָט אַלעמאָל אַ שמחה ווייל ער האָט קיינמאָל נישט קיין ספיקות. ער זאָגט מיט אַ פּשטות: **״איך האָב געבעטן השי״ת זאל מיך פירן און ב״ה ער האָט מיך מזמין געווען אויפ׳ן ריכטיגן וועג. דער מצב וואו איך בין יעצט איז דאָס בעסטע זאַך פאר מיר״.**

### די באַדייט פון ׳אל תחקור אחר העתידות׳; לאָז אָפּ דיין וויזיע אויפ׳ן לעבן

לויט אַסאַך ראשונים איז דער מקור פון בטחון דער פּסוק ״תמים תהי׳ עם ה׳ אלקיך״. ווי רש״י זאָגט דאָרט פּשט: ״אל תחקור אחר העתידות״, דאָס גייט אַרויף בגשמיות און אפילו ברוחניות. דער מענטש האָט געהאַט אַ גאַנצע פּלאַן אַז ער גייט זיין אַ ראש ישיבה און ער גייט מרביץ תורה זיין, אָבער ס׳איז נישט געגאַנגען לויט זיין פּלאַן. יעצט פּרובירט ער זיך צו איינרייסן און צו שטופּן אַז ס׳זאָל יאָ ווערן. אודאי האָט ער נישט קיין מנוחת הנפש...

אַ צווייטער האָט געהאַט אַ פּלאַן פון אָנקומען צו אַ געוויסע אַרבעט שטעלע, ווייל ער האָט אַ חבר וועלכער טוט יענע סאָרט אַרבעט און פאַרדינט שיין געלט. אָבער למעשה האָט זיך נישט אויסגעאַרבעט יענע שטעלע און דער מענטש איז צעבראָכן דערפון. דאָס איז טייטש אַז ער האָט יאָ חוקר געווען ״אחר העתידות״, אויף אַ געוויסן פאָרמאַט. ער האָט געהאַט אַ בילד אין קאָפּ פון אַ געוויסע עתיד וואָס ער וויל האָבן. אַצינד האָט ער נישט קיין מנוחת הנפש. עס טוט אים וויי: ״פאַרוואָס הערט מען נישט אויס מיינע תפלות?! כ׳האָב אַזויפיל מתפלל געווען!״

ער טענה׳ט אַז דער חובת הלבבות שטימט נישט און אַז די כח פון תפלה שטימט נישט... באמת געפינט ער זיך פּשוט אין אַ גרויסער טעות; **וויל שוין נישט אַזוי שטאַרק אויספירן דיין פּלאַן! לאָז זיך נאָך!** איי, וואָס וועט זיין מיין עתיד?! כ׳ווייס נישט! תמים תהי׳ עם ה׳ אלקיך! דער רבוש״ע וועט שוין אויסשטעלן אַ גוטן פּלאַן!

### לעשות רצונך אלוקי חפצתי; זיך נישט קריגן מיט דער הנהגת ה׳

ביי אַסאַך מענטשן איז הונדערט פּראָצענט קלאָר אַז דער רבוש״ע האָט נישט געוואָלט אַז זיי זאָלן בלייבן ביים לערנען. נאָכאַמאָל: **ס׳איז**

**הונדערט פּראָצענט קלאָר אַז אַ גרויסער חלק פון מענטשן האָט השי"ת נישט געוואָלט אַז זיי זאָלן בלייבן ביים לערנען!** ווייסט וואָס איז די ראי' דערצו?! **ווייל ער האָט זיי טאַקע נישט געלאָזט ביים לערנען! זיי האָבן געמוזט אַרויסגיין פון כולל צו זוכן פּרנסה!**

פאַרוואָס קריגסטו זיך יעצט אַגאַנץ לעבן מיט דעם פּלאַן וואָס דער אויבערשטער האָט געמאַכט פאַר דיר?! פאַרוואָס ביזטו אַזוי צעבראָכן?!

## געטרוי השי"ת אפילו ביזט געצווינגען צו גיין אַרבעטן על המחי' ועל הכלכלה

ווען מען זאָגט אַז ס'איז דאָ אַסאַך מענטשן וואָס דאַרפן נישט בלייבן ביים לערנען, מיינט מען נישט חלילה אַז זיי זאָלן בכלל נישט לערנען. יעדער איד קען זיך קובע עתים זיין עטליכע שעה אין טאָג, און יעדער איד קען אָנקומען צו גרויסע מדריגות פון 'תורה לשמה'. דאָס איז זיכער שייך אפילו היינטיגע צייטן, אָבער מ'רעדט יאָ פון דעם בילד וואָס **דער מענטש האָט געהאַט אין זיין קאָפּ אַז ער גייט בלייבן זיצן אַגאַנץ לעבן אין ביהמ"ד, אַסאַך מאָל איז דאָס נישט דער רצון ה'!**

דער רבוש"ע זאָגט פאר דעם איד: **איך האָב אויסגעשטעלט אַ גוטן פּלאַן פאַר דיר!** דו קענסט זיין באמת דבוק לה' ולתורתו הק' און דו קענסט באַקומען אַלע ברכות האמורות בתורה, **אָבער בתנאי אַז דו וועסט גיין מיט מיין ליניע וואָס איך האָב דיך מסדר געווען!** דער מענטש האָט זיך אָבער אויסגע'משל'ט אַן אַנדערע בילד, ער האָט זיך געמאַכט אַן אייגענע פּלאַן, און ער קריגט זיך מיט דער הנהגה פון השי"ת... דאָס איז גורם אַז ער דרייט זיך אַרום צעבראָכן מיט טענות און תרעומות חלילה.

פאַרוואָס האָט ער נישט מסכים געווען מיט דעם פּלאַן פון השי"ת? ווייל אויב כ'וועל מיטגיין מיט זיין פּלאַן וויאַזוי וועט מען דאָס אָנקוקן אין גאַס?! וויאַזוי וועל איך קענען טון שידוכים?! דעריבער איז ער חלילה לוחם קעגן דעם ליניע וואָס דער רבוש"ע האָט אים אויסגעשטעלט און ער פאַרלירט ביידע וועלטן פון גרויס צעבראָכנקייט און טרדות[א].

אויף די אַלע מחשבות איז געזאָגט געוואָרן דער פּסוק "תמים תהי' עם ה' אלקיך". - טראַכט נישט יעצט וועגן דיינע שידוכים! **זיי נישט אַזוי פאָקוסירט צו אויספירן דאָס בילד וואָס דו האסט זיך אַריינגעלייגט אין מח!** זיי מסכים צו ווערן געפירט דורך דעם אויבערשטן און דעמאָלט וועסטו זוכה זיין צו אַזאַ מנוחת הנפש און צו אַזאַ דביקות בה' מיט אַן אמת'ע קרבת אלקים!

---

א. אודאי איז איבריג צו זאָגן אַז נישט יעדע שוועריגקייט וואָס באַטרעפט דעם מענטש איז אַ 'סימן מן השמים' אַז ער דאַרף איבערלאָזן דאָס לערנען. געוויס איז דאָ אַזאַ מושג פון זיך אָנשטרענגען צו מוסר נפש זיין פאַר תורה און בלייבן ביים לערנען טראָץ אַלע נסיונות, ווי חז"ל זאָגן אַז 'תורה נקנית ביסורים'.

אָבער צומאָל קען אַ מענטש זען זייער קלאָר אַז דאָס בלייבן ביים לערנען מאַכט אַז ער זאָל נישט קענען מקיים זיין דעם רצון ה'. ער צאָלט נישט אָפּ קיין חובות, ער ווערט אין כעס אויף די בני בית, וכדו'. אין אַזאַ פאַל זאָל מען זיך נישט נאַרן, נאר מ'זאָל גיין פרעגן ערליכע אידן וואָס ס'איז די ריכטיגע זאַך צו טון, און מען זאָל זיין גרייט זיך צו לאָזן פירן על פי רצון הבורא מיט אַ 'מנוחת הנפש' און מיט אַ רואיגקייט.

אין אַזעלכע פעלער דאַרף מען זיין אויפריכטיג מיט זיך. דער מענטש זאָל זיך פרעגן אין אַ פאַרמאַכטן צימער וואו קיינער הערט נישט: "ווייל איך טאַקע בלייבן ביים לערנען וויבאַלד מיין גאַנצע שטרעבן איז צו מקיים זיין דעם רצון ה', אָדער וויל איך בלייבן ביים לערנען צוליב אַנדערע חשבונות?!"; מען דאַרף מתפלל זיין אַז דער רבוש"ע זאל פירן אויפ'ן ריכטיגן וועג, און מ'דאַרף זיין גרייט צו הערן וואָס דער אויבערשטער וויל פון אים און זיך לאָזן פירן!

# אור החיים הק'

## איש אשר כברכתו ברך אותם;
### די 'מעלות' פון דעם מענטש ליגט באַהאַלטן אין זיינע 'חסרונות'

ערש"ק ויחי י"ג טבת תשפ"ב

א

# בך יברך ישראל; די פּנימיות'דיגע ברכה פון יעקב אבינו פאַר אַלע שבטים

## וואָס איז געווען די ברכה פאר ראובן, שמעון ולוי?!

נאָך די אַלע ברכות וואָס יעקב אבינו האָט געבענטשט די שבטים די וואך, זאָגט דער פּסוק: **"כל אלה שבטי ישראל שנים עשר וזאת אשר דבר להם אביהם ויברך אותם איש אשר כברכתו ברך אותם"**.

רש"י פרעגט שוין די קשיא אַז לכאורה זעט מען נישט ביי אַלע שבטים אַז זיי האָבן באַקומען אַ ברכה. די שבטים 'ראובן', 'שמעון' מיט 'לוי' האָבן באַקומען בלויז שטאַרקע מוסר. הערשט ביי 'יהודה' הייבט זיך אן די ברכות. רש"י פרעגט: "הלא יש מהם שלא ברכם אלא קינטרן" - ס'איז געווען שבטים וואָס האָבן באַקומען בלויז מוסר און מ'זעט בכלל נישט קיין ברכה ביי זיי?!

## די ברכה ליגט באַהאַלטן אין די פּסוקים פון תוכחה

דער **אור החיים הק'** פרעגט אויך די קשיא און ער ענטפערט **אַז טאַקע דאָס טוט אונז דער פּסוק פאַרציילן: "ויברך אותם"!** אויך די ברכה פון 'ראובן' 'שמעון' און 'לוי' ליגט באַהאַלטן אין די שאַרפע דיבורים פון מוסר וואָס יעקב אבינו האָט זיי געזאָגט, דאָרט ליגט אויך אַ ברכה!

## ראובן'ס ברכה; לעתיד לבא וועט ער צוריקבאַקומען די בכורה

די ברכה פון ראובן - איז דער אור החיים הק' מסביר - ליגט אין די ווערטער **'בכורי אתה'**, וואָס דאָס איז מרמז אויף דעם וואָס חז"ל זאָגן **"עתידה עבודה שתחזור לבכורות"**; לעתיד לבא וועט ראובן צוריקבאַקומען די בכורה און דאָס ליגט אין די ווערטער פון יעקב אבינו.

יעקב האָט אים טאַקע געזאָגט 'פחז כמים' אָבער בשעת מעשה האָט ער אים אויך קובע געווען דעם נאָמען פון דער בכורה - 'בכורי אתה'! דאָס איז געווען אַ ברכה: **"דו האסט באַהאַלטן ביי דיך דער כח פון דער בכורה, ס'וועט נאָך אַמאָל שיינען! יעצט טאַקע איז עס פאַרפאַטשקעט געוואָרן צוליב דעם 'פחז כמים', אָבער לעתיד לבא וועסטו נאָך זיין צוריק אַ בכור"**.

## 'ראובן' מיט 'לוי' וועלן ביידע האָבן די עבודה פון דער 'כהונה'

דער אור החיים הק' זאָגט אַז צדיקים קוקן אַלעמאָל וועט וועט זיין לעתיד לבא, ווי מ'זעט ביי יעקב אבינו אַז ער האָט זיך אַזוי שטאַרק משתדל געווען צו קויפן די בכורה פון עשו, צוליב דעם ווייל ער האָט געקוקט אויף לעתיד לבא, ער האָט נישט געוואָלט אַז עשו זאל האָבן אַ חלק אין דער בכורה לעתיד.

טראָצדעם וואָס די עבודה איז דאך געגעבן געוואָרן פאַר שבט לוי, זאָגט דער אור החיים הק', אַז לעתיד לבא וועלן ביידע זיין דאָס האָבן! **די עבודה אין בית המקדש השלישי וועט זיין סיי דורך די 'לוים' און סיי דורך די 'בכורים'**, ווייל

דער כלל איז אַז "מעלין בקודש ולא מורידין". לוי האָט באַקומען די עבודה פון דעם חלק וואָס האָט באַלאַנגט פאר ראובן און לעתיד לבא וועט מען נישט צונעמען די כהונה פון לוי, נאר **מ'גייט עס צוריקקגעבן 'אויך' פאר ראובן.**

דאָס שטייט באַהאַלטן אין די ווערטער וואָס יעקב האָט געזאָגט פאַר ראובן: **'בכורי אתה' - דו גייסט צוריק ווערן אַ בכור!** יעקב האָט דאָס געזען בנבואה און ער האָט אים געבענטשט, נאָר בשעת מעשה האָט ער אים אויך מסביר געווען פאַרוואָס ער האָט "יעצט' פאַרלוירן די כהונה און די עבודה, ווייל דער פגם פון 'פחז כמים' האָט עס צוגענומען פון אים.

## די ברכה פון 'שמעון' און 'לוי'

דאָס זעלבע זאַך - זאָגט דער אור החיים הק' - איז ביי די פסוקים פון 'שמעון' און 'לוי'. זיי האָבן טאַקע באַקומען שטאַרקע דברי מוסר, אָבער אין דער זעלבער פסוק איז אויך באַהאַלטן אַ ברכה. **די ווערטער פון "ארור אפם כי עז", דאָס איז זייער ברכה!** ווייל יעקב אבינו האָט נישט געשאָלטן 'שמעון' און 'לוי', נאָר ער האָט געשאָלטן זייער 'צאָרן', דאָס איז די איבריגע חלק פון זייער 'כח האש' וואָס דאָס מאַכט זיי קאַליע. עס ברענגט סתם שאָדנס, דערפאַר האָט ער דאָס געשאָלטן.

דער אור החיים הק' לייגט צו אַז אויך דער פסוק "אחלקם ביעקב ואפיצם בישראל", איז געווען אַ ברכה, אַז זיי זאָלן דורכדעם צוקומען צו זייער תכלית, אַז זיי זאָלן קענען דערגרייכן צו וואו זיי דאַרפן אָנקומען.

## אין הימל נעמט מען אַלעמאָל אין באַטראַכט די 'תכונת הנפש' פון דעם מענטש

אָט דער יסוד וואָס דער אוה"ח הק' שרייבט דאָ בקיצור לגבי 'שמעון' און 'לוי', איז ער מסביר מער באריכות אָנהויב פרשה אויפ'ן פסוק "שמעון ולוי אחים".

דאָרט שמועסט ער אויס אַז שמעון ולוי האָבן געהאַט אַ ספּעציעלע 'תכונת הנפש' פון אַ געוואַלדיגע פייער און קאָך. **יעדער מענטש האָט אַביסל פון דעם 'יסוד האש' אָבער זיי האָבן געהאַט אַ 'תגבורת יסוד האש'.** זיי האָבן געהאַט מער פון דער ספּעציפישער 'תכונה'.

דער רבוש"ע איז דן יעדן איינעם לויט זיינע 'תכונת הנפש', דאָס איז אַ וויכטיגע יסוד וואָס מ'דאַרף וויסן. דער אויבערשטער נעמט אין באַטראַכט ביי יעדן נסיון וואָס דער מענטש גייט דורך, אַז **דער מענטש האָט דאָך אַזאַ סאָרט 'תכונת הנפש'** און לויט דעם גיט אים השי"ת שכר ועונש.

## מ'דאַרף וויסן וויאַזוי צו אויסנוצן ריכטיג יעדע נאַטור

דער אור החיים הק' פירט דאָרט אויס אַז

> **✦ אותיות מחכימות ✦**
>
> **אור החיים הק' (ויחי מט, ה)**
>
> ואמר כי לצד שהם בתגבורת החום, לזה כלי חמס מכרותיהם. ודימה מעשיהם לכלי חמס, לומר כי לא ירשו כליהם משורש נפש המוליד, אלא כלי חמס הם דברים המוכרים להם. ופירוש מכרותיהם, לשון הכרה, שלא פעל בה להם מאביהם אלא הגברת האש, אבל הם מאמצעות דבר זה עשו מעשים בלתי נכונים כמעשה יוסף".
>
> **אור החיים הק' (ויחי מט, ז)**
>
> ארור אפם כי עז וגו', פירוש לחלק המרובה בהם יותר משיעור הרגיל הוא מקלל, ויישאר בהם חלק הרגיל בכל אדם כדי לקבל שכר לעולם הבא על כפייתו לעבודת ה', שאם לא כן יושלל מהם בבחינתו אושר המושג לנצח. וראה כי תיקון לקרר עוז הרתיחה הוא לחלקם ביעקב וגו' ואמר אחלקם ביעקב ואפיצם בישראל.
>
> **אור החיים הק' (ויחי מט, כח)**
>
> הגם שראינו שלא ברך ראובן ולא שמעון ולא לוי, יגיד הכתוב כי דיבורו הקשה להם, היא ברכתם, והוא אומרו אשר דיבר וגו' ויברך וגו', ומה שאמר לראובן דברי קנטור, שם צוה את הברכה, על דרך אומרם עתידה עבודה שתחזור לבכורות, וכפי זה כיון שקבע לו שם הבכורה עתיד הוא לעמוד לשרת לעתיד לבוא, ותמצא שהצדיקים צופים ומביטים על העתיד, ולטעם זה השתדל יעקב לקנות הבכורה מעשו לכל יהיה לו חלק בעבודה לעתיד לבוא. והגם שניתנה העבודה ללוים שקולים הם ויבואו שניהם לעבוד עבודת הקודש, כי מעלין בקודש ולא מורידין.
>
> וגם שמעון ולוי ברכם במה שאמר ארור אפם, זו היא ברכתם, שקילל לתגבורת המקלקל ומריע גם מה שחלקם והפיצם, הוא להשגת תכלית האושר גם כן.

יעקב אבינו האָט זיי געזאָגט: איר זאָלט וויסן אַז הגם איר האָט אַ 'תכונת הנפש' פון וואַרימקייט און פון אַ קאָך, אָבער ס'איז דאָ איין חלק דערפון וואָס איר שוין געגאַנגען דערמיט צו ווייט און דאָס טויג שוין נישט!

ער טייטשט דערמיט דעם פסוק: "כלי חמס מכרותיהם", דאָס וואָרט 'מכורתיהם' איז מלשון 'הכרה'. דאָס הייסט אַז יעקב אבינו האָט זיי געזאָגט אַז ס'איז דאָ אַ חלק פון זייער 'יסוד האש' וואָס זיי האָבן באַקומען פון נאַטור, 'משורש נפש המוליד', אָבער ס'איז אויך דאָ אַ חלק וואָס זיי האבן נישט באַקומען פון זייער טאַטע, דאָס

> **דו דאַרפסט נישט באַקומען קיין פּאַטש! דו ביזט פיין! דו האסט אַ 'תכונת הנפש' וואָס קען אויסגענוצט ווערן לטובה!**

איז די 'הגברת האש' וואָס זיי האָבן אליינס צוגעלייגט.

יעקב אבינו האָט זיי געזאָגט מוסר אַז ווען זיי האָבן פאַרקויפט יוסף: "ויאמרו איש אל אחיו וכו' ועתה לכו ונהרגהו", **דעמאָלט האָבן זיי גענומען זייער 'תכונת הנפש' און זיי האָבן דאָס גענוצט אויף אַ פּלאַץ וואו זיי האָבן דאָס שוין נישט געדאַרפט נוצן.** יעקב אבינו האָט זיי געזאָגט: **"אַז איר האָט אַזאַ סאָרט 'תכונת הנפש' איז געוואַלדיג גוט, מ'קען טון דערמיט מורא'דיגע זאַכן, איך בענטש אייך. אָבער די איבריגע חלק וואָס איר האָט צוגעלייגט און גענוצט פאר אַנדערע זאַכן, דאָס טויג שוין נישט!"**

## ארור אפם כי עז; די עבודה איז אויסצואַרבעטן די נאַטור צום גוטן

דער אור החיים הק' זאָגט טאַקע אויפ'ן פסוק 'ארור אפם כי עז' אַז יעקב אבינו האָט בלויז געשאָלטן אָט דעם איבריגן חלק פון דעם 'תגבורת האש'. ער האָט געלאָזט זייער נאטורליכער יסוד האש און ער האָט דאָס נישט צוגענומען ווייל זיי האָבן געדאַרפט אַרבעטן דערויף ווייטער, כדי צו האָבן בחירה און באַקומען שכר עולם הבא. **זיי דאַרפן דאָס נוצן פאר עבודת ה'! אויב מ'וועט נישט לאָזן ביי זיי די 'תכונת הנפש' וועלן זיי נישט קענען צוקומען צו עולם הבא!** יעקב אבינו האָט דאָס בלויז מקרר געווען.

און דער אוה"ח הק' פירט אויס אַז דערפאַר האָט ער זיי געזאָגט: 'אחלקם ביעקב ואפיצם בישראל', אַז דאָס וועט זיין זייער תיקון, צו מקרר זיין זייער ברען פון דעם איבריגן חלק. דאָס וועט זיי העלפן אַז זיי זאָלן נישט נוצן דעם 'תכונת הנפש' פאר אומריכטיגע זאַכן.

# וזאת אשר דבר להם אביהם; מיר דאַרפן אַנטפּלעקן דעם 'חלק הטוב' פון יעדע 'תכונת הנפש'

### יעדע 'תכונה' קען מען אויסנוצן פאר געוואַלדיגע זאַכן

דאָ שטייט אַ מורא'דיגער יסוד, ווי דער אוה"ח הק' זאָגט עס קלאָר אויפ'ן פסוק 'וזאת אשר דבר להם אביהם ויברך אותם', אַז ווען יעקב אבינו האָט זיי געבענטשט האָט ער געקוקט אויף זייער שורש נשמה און ער האָט זיי געזאָגט: "**קוק וואָס פּאַראַ סאָרט תכונת הנפש דו האסט! מ'קען דאָס נוצן אויף מורא'דיגע זאַכן! איך בענטש דיך אַז דער 'חלק הטוב' דערפון זאל אַרויסקומען און ס'זאָל קענען אויפטון געוואַלדיג! פון דער צווייטער זייט ווייז איך וואו דו האסט גענוצט די זעלבע 'תכונת הנפש' אויף אַ נישט ריכטיגן אופן, יענע חלק שריי איך טאַקע אָן, איך וואַרף דאָס אַרויס פון דיך!**"

### די גרעסטע ברכה; אַוועקשטעלן די 'תכונת הנפש' אויפ'ן גוטן פלאַץ

די אַלטע מחנכים פלעגן זאָגן: "איך געב דיך אַ פּאַטש ווייל איך וויל אַרויספּאַטשן דעם יצר הרע פון דיך"... עס ליגט אין דעם וואָרט אַ מורא'דיגע אמת, אויב קומט דאָס פון אַ ריכטיגע פּלאַץ. - **דו דאַרפסט נישט באַקומען קיין פּאַטש! דו ביזט פיין! דו האסט אַ 'תכונת הנפש' וואָס קען אויסגענוצט ווערן לטובה!** שמעון און לוי קענען זיין מלמדים און סופרים, ראובן וועט צוריקבאַקומען די בכורה, דו האסט אַ גרויסן כח! **אָבער זאָלסט וויסן אַז דו האסט גענומען דיין שטאַרקע 'תכונת הנפש' און האסט עס גענוצט פאר זאַכן וואָס דו זאָלסט דאָס נישט געדאַרפט נוצן!** האסט דאָס גענומען צום נישט ריכטיגן פלאַץ!

דאָס איז אייגנטליך די גרעסטע ברכה וואָס מ'קען געבן פאַר אַ מענטש; אים אַוועקצושטעלן אויף זיין פלאַץ און אים בענטשן אַז זיין 'חלק הטוב' זאל ווייטער בליען, וואַקסן און שטייגן, אָבער 'תוך כדי דיבור' זאָגט מען אים אַז די זעלבע 'תכונה' האָט אויך אַ נישט גוטע זייט, וואַרף עס אַרויס פון דיר! נוץ עס נישט אויף די אומריכטיגע אופן!

### 'יברכך ה' וישמרך'; יעדע 'ברכה' דאַרף אויך אַ 'שמירה'

דאָס זעט מען אויך ביי 'ברכת כהנים'; די ערשטע ברכה איז "יברכך ה' וישמרך'. דאָס וואָרט 'יברכך' טייטשט רש"י "יברכך - בממון'. אָבער ווען איינער האָט ממון דאַרף ער שפּעטער האָבן אַ שמירה פון די מזיקים, ווי רש"י טייטשט דאָס וואָרט 'וישמרך - שלא יבואו עליך שודדים ליטול ממונך'.

**דאָס איז די אָפּטייטש פון אַ ריכטיגע ברכה!**

איך גיי דיך בענטשן מיט אַ געוואַלדיגע ברכה פון שפע און ממון, אָבער ס'קען דאָך ברענגען צרות, דאָס געלט קען דאָך ברענגען זאַכן וואָס טויג נישט, 'מרבה נכסים מרבה דאגה', ס'קען ברענגען גנבים און מזיקים. אויסערדעם, די שורש פון 'געלט' איז דאָך 'שפע', און ווען ס'קומט שפע ביים מענטשן זוכן די מזיקים אַלעמאָל צו אַוועקצונעמען די שפע פון אים, זיי ווילן דאָס קאַליע מאַכן און מ'דאַרף די גאַנצע צייט האָבן אַ שמירה. דעריבער ווען דער רבוש"ע גיט אַ ברכה גיט ער דאָס בשלימות; **דער 'יברכך' גייט צוזאַמען מיט דעם 'וישמרך'!**

אויך דאָ אין פרשת ויחי, ווען יעקב אבינו גיט אַ 'ברכה' פאר די שבטי קה גייט עס צוזאַמען מיט דער 'שמירה' - 'יברכך ה' וישמרך'. יעקב אבינו זאָגט פאר ראובן: "דיין חלק פון 'בכורי אתה' זאל געבענטשט ווערן, לעתיד לבא וועט דאָס נתגלה ווערן; אָבער ס'זאָל אויך זיין 'וישמרך', ביזט געווען אַ 'פחז כמים' און דו דאַרפסט האָבן אַ ספּעציעלע שמירה אויף דיין חלק."

### ווען די 'תכונת הנפש' ווערט נישט גוט גענוצט מאַכט דאָס קאַליע

ביי דעם ענין פון 'ראובן' האָט דער אור החיים הק' טאַקע אַ גרויסע אריכות אויפ'ן פסוק 'ראובן בכורי אתה', וואו ער איז מסביר וואָס איז געווען דער שורש פון זיין נסיון ביי דעם ענין פון בלהה, אַז דאָס האָט געהאַט צוטון מיט דער שורש נשמה פון ראובן. דערפאַר האָט אים יעקב אבינו געזאָגט: "**זאָלסט וויסן אַז דו האסט אַ תכונה פון 'פחז כמים' אָבער ווייבאַלד דו האסט עס גענוצט אויף אַ נישט ריכטיגן פלאַץ, האָסטו זיך געאיילט צו שנעל און דערפאַר האָסטו נישט געקענט מנצח זיין דעם ניצוץ הרע וואָס איז געווען ביי דיר**".

> **דער רבוש"ע איז דן יעדן איינעם לויט זיינע 'תכונת הנפש', דאָס איז אַ וויכטיגע יסוד וואָס מ'דאַרף וויסן**

ראובן איז טאַקע געבוירן געוואָרן מיט אַ ניצוץ הרע, ווייבאַלד ס'איז געווען אַן ענין דעמאָלט ווען יעקב אבינו האָט אויפגעטוישט לאה מיט רחל. דאָס האָט געשטערט פאר ראובן'ס נשמה, אָבער יעקב אבינו האָט אים געזאָגט: "ווען דו וואָלסט נישט גענוצט די תכונה פון 'פחז כמים' וואָלט עס נישט פּאַסירן! וואָלסט ווען יאָ געדאַרפט אַרבעטן אויף דיך צו מנצח זיין יענע ניצוץ הרע!"

דערפאַר האָט אים יעקב אבינו געבענטשט: 'בכורי אתה'! אָבער קוק וואָס איז געשען מיט דער חלק פון 'פחז כמים'! **דיין אַרבעט איז צו אויפבויען דעם חלק פון 'בכורי אתה' שטאַרקער און בעסער**, אַזוי וועט עס אַרויסגיין אויף אַ מורא'דיגן אופן!

### יעדער דאַרף האָבן סיי די חלק פון 'ברכה' און סיי די חלק פון 'שמירה'

ס'ליגט דאָך דאָ אַ געוואַלדיגע נקודה: ווען אַ איד קוקט אָן אַ צווייטן, אָדער ווען מען קוקט זיך אליינס אָן, וועט מען אייביג טרעפן אַ געוויסע 'תכונת הנפש'. יעדער מענטש האָט ספּעציעלע כוחות הנפש. איז אַלעמאָל פאַראַן צוויי זאַכן וואָס מ'דאַרף שטאַרק אַכטונג געבן דערויף.

צוערשט דאַרף מען געדענקן אַז מען זאָל אויסנוצן דעם 'חלק הברכה' דערפון וואָס מער. **די ספּעציעלע 'תכונת הנפש' דאַרף זיין 'פרה ורבה', בלייב נישט אַזויווי דו ביזט! וויפיל אַ מענטש נוצט אויס זיינע תכונות הנפש קען ער דאָס נוצן נאָכמער!**

און פון דער צווייטער זייט, דאַרף מען וויסן אַז **טאַקע ווייבאַלד מ'קען דאָס נוצן, דאַרף די תכונה האָבן אַ באַזונדערע שמירה.** ווייל אַז מען ברענגט שטאַרק אַרויס דעם ענין קען עס גענוצט ווערן אויף אַ נישט גוטן אופן און מ'דאַרף האָבן אַ שטאַרקע שמירה דערויף.

### דיין 'תכונת הנפש' איז ספּעציעל געשיקט פאר דיין תפקיד אויף דער וועלט

דאָס איז נוגע ביי יעדן איינעם. ווען אַ מענטש איז זיך מתבונן אין זיין תפקיד אויף דער וועלט, אין זיין שליחות און זיין תכלית, וועט ער פאַרשטיין אַז **מ'האָט אים געגעבן אַזאַ סאָרט 'תכונת הנפש' וואָס ער קען דערמיט מתקן זיין די נשמה, ער קען דערמיט דינען השי"ת** און פולקאָם מקיים זיין די שליחות פאַרוואָס ער איז דאָ אַראָפּגעקומען!

### די ברכות פון יעקב אבינו איז געזאָגט געוואָרן פאַר אַלע דורות

מען דאַרף בלויז אַלעמאָל געדענקן די ביידע

זאַכן; אויב וועסטו נוצן דיין תכונת הנפש וועט עס ווערן 'פרה ורבה', און אויב חלילה נישט וועט עס זיין פאַרקערט. ווייל יעדער איד איז נכלל אין די ברכות פון יעקב אבינו. ווען יעקב אבינו האָט געבענטשט די שבטים האָט ער דיך געבענטשט! ווען משה רבינו האָט געבענטשט די שבטים אין פרשת 'וזאת הברכה', האָט ער דיך געבענטשט! די ברכות פון דער תורה גייט פאַר אַלע דורות!

מ'זעט דאָך דאָס קלאָר אַזוי אין די פסוקים, אַז יעקב אבינו האָט געגעבן די ברכות ברוח הקודש על שם העתיד. די ברכות פאַר 'יהודה' איז געווען אויף לעתיד לבא, די בכורה פאַר 'ראובן' איז געווען אויף לעתיד, אויך דער פסוק פון 'לישועתך קויתי ה'' איז געזאָגט געוואָרן אויף שמשון הגבור ווען ער וועט דאַרפן אָנקומען צו דער ברכה.

ג

# **על פי דרכו; דער ריכטיגער צוגאַנג צו שווערע נאַטורן ביי תלמידים און קינדער**

## זען די אינערליכע טוב פון דאָס קינד'ס נאַטור

אָט די סאָרט בליק איז טאַקע די בעסטע ברכה! ווען אַ גוטער מחנך האָט אַ תלמיד אין ווער ער וויל אַריינשיינען און מחנך זיין, זעט דער מחנך שוין יעצט די 'תכונת הנפש' פון דאָס קינד וואָס וועט אים העלפן אויסשטייגן זייער גרויס! ער זעט שוין יעצט אַז דאָס קינד וועט קענען זיין אַ גוטער מגיד שיעור, ער וועט קענען זיין אַ גוטער טאַטע פאַר זיינע קינדער, א.א.וו. **אַ ריכטיגער מחנך זעט גלייך די אינערליכע 'תכונת הנפש', אפילו ווען ער זעט אויך די חלק פון 'תגבורות האש' וואָס נעמט אַרום דאָס קינד פון אַלע זייטן.**

ס'איז דאָ אַזויפיל מעשיות דערוועגן, וויאַזוי מחנכים האָבן געטראָפן אַ גוטע פינטעלע ביים קינד און זיי האָבן אים דאָס געזאָגט: **"קוק נישט אויף די אַלע שוועריגקייטן וואָס דו גייסט אַריבער צוליב דיין תכונת הנפש, איך זעה אַז דו מוטשעסט זיך שטאַרק צוליב דיין 'תכונת הנפש' און מ'וואַרפט דיך אַרויס. יאָ, דו מאַכסט טאַקע טעותים, אָבער איך זעה אויך אַז דו האסט אַ מורא'דיגער עתיד מיט דיינע נאַטורן".**

## מ'קען טוישן אַ לעבן דורך אַזאַ ריכטיגן בליק

אַזעלכע ווערטער און אַזאַ בליק וואָס מחנכים האָבן געהאַט אויף זייערע תלמידים **האָט למעשה געהאָלפן די תלמידים אַסאַך מער ווי די בעסטע דברי חיזוק וואָס מ'האָט זיי געגעבן!** ווייל דאָס איז נישט בלויז געזאָגט אַ חיזוק ווארט; דאָס באַדייט אַז **מען האָט געזען דעם אמת'ן טוב וואָס איז דאָ אינעווייניג אין זייער נפש!** אַז מען איז מחנך דאָס קינד אויף אַזאַ אופן איז דאָס גאָר אַן אַנדערע דערהער!

מען קען רעדן מיט אַזויפיל מענטשן וואָס האָבן מצליח געווען און זיי פאַרציילן דאָס קלאָר, וויאַזוי יונגערהייט האָבן זיי געטון שטותים, זיי האָבן זיך נאַריש געמאַכט, ביז ס'איז געקומען אַ גוטער מחנך און האָט געזאָגט פאַר'ן קינד: **"דו מוטשעסט זיך טאַקע יעצט, אָבער זאָלסט וויסן אַז דו האסט אַ געוואַלדיגער עתיד, איך זע איך דיך אַ מוצלח'דיגער מענטש אין די אָדער יענע זאַך, איך זע אין דיר אַ געוואַלדיגע גוטע האַרץ, איך זעה עס שוין יעצט! ס'איז דיר אַביסל שווער?! דערווייל קענסטו לערנען מיט אן אַנדערער בחור פאר אַ חברותא..."** די מענטשן דערציילן דאָס, מ'קען נאָך רעדן מיט זיי און הערן וויאַזוי דאָס האָט זיי געטוישט דאָס לעבן! **דאָס איז נישט בלויז געגעבן חיזוק, דאָס איז דער כח פון אַ 'ברכה'!**

## די ברכות פון יעקב אבינו איז געווען די גרעסטע חיזוק

יעקב אבינו האָט געזאָגט אַזוי פאר ראובן: איך זעה אַז 'בכורי אתה', **איך זעה אַז לעתיד גייסטו באַקומען די עבודה**, אָבער איך זאָג דיך אויך אַז דיין שוועריגקייט איז די מדה פון 'פחז כמים', **זיי דאָס מתקן, וועט אַרויסקומען דיין 'בכורה' פון דיר מיט די גאַנצע שיינקייט!**

אַזוי האָט ער אויך געזאָגט פאַר שמעון און לוי: **איך זעה אַז איר האָט די כוחות פון 'מלמדי תינוקות'!** איך זעה אַ ווארימקייט ביי אייך, און מיט די ווארימקייט וועט איר קענען זיין מלמדי תינוקות מיט אַ גרויסע הצלחה, 'אחלקם ביעקב ואפיצם בישראל', אָבער איר זאָלט וויסן אַז **מ'דאַרף אַכטונג אויף די ווארימקייט אַז דאָס זאָל נישט ברענגען קיין אומריכטיגע זאַכן.**

די זעלבע זאַך האָט ער געזאָגט פאַר יעדן שבט מיט דעם כח וואָס ער האָט געזען ביי אים. למשל פאר 'יהודה' האָט ער געזאָגט אַז ער זעט אין אים משיח - "לא יסור שבט מיהודה ומחוקק מבין רגליו". **דער כח פון יעקב אבינו איז געווען אַז ער האָט געקענט זען דעם טוב פון יעדן'ס 'תכונת הנפש' אַזוי קלאָר, עד כדי כך אַז ער האָט שוין געזאָגט נבואה אויף זייער עתיד.** ער האָט שוין געזען בחוש שמשון הגבור! ער האָט שוין געזען משיח!

## מיר קענען נישט זען קיין נבואות אָבער מיר קענען יאָ זען אַ 'תכונת הנפש'

מיר, אַלס מחנכים, זען טאַקע נישט בנבואה דאָס בילד מיט אַלע פרטים, **אָבער מיר קענען יאָ זען די 'תכונת הנפש'.** מיר קענען זען וואָס איז די כח וואָס איז דאָרט באַהאַלטן, וועלכע כח ס'קען ווערן געבענטשט און וואָס איז די שוועריגקייטן אַרום און אַרום. מיר קענען זאָגן פאַר'ן קינד: **"דאָס איז דיין תכונה און דאָרט קענסטו אָנקומען! די שוועריגקייט וואָס דו האסט קומט פון די זעלבע 'תכונת הנפש' וואָס קען דיך ברענגען צו אַ געוואַלדיגע ציל".**

צום ביישפיל ווען עס מאַכט זיך אַמאָל אַ אידישע טאָכטער וואָס הייבט אָן זיך אָנטון אַנדערש, נישט ווי די פאַרלאַנגטע צניעות, דאַרף מען אַנערקענען אַז דאָס פון אַ משיכה צו דעם ענין פון יופי, מ'קען דאָס זאָגן פאַר'ן קינד: "דיין רצון קומט בעצם פון אַ גרויסע מעלה", ביז דאָס קינד דערהערט און גלייבט דאָס. נאָכדעם קען מען ערקלערן פאַר'ן קינד אַז ס'איז דאָ אַ חלק וואָס איז נישט גוט דערפון, ווייל אויב מען נוצט דאָס נישט ריכטיג קען עס ברענגען נסיונות אין צניעות און נסיונות פון אונזערע זאַכן.

אָבער דאָס איז שוין די צווייטע שטאַפּל. צוערשט דאַרף דאָס קינד דערהערן אַז דאָס קומט פון אַ 'תכונת הנפש' וואָס בענטשט דעם מענטש, הערשט דערנאָך קען מען ערקלערן: **"זאָלסט וויסן אַז די תכונה וואָס דו האָסט קומט מיט נסיונות און מ'דאַרף זיך אַכטונג געבן אַז עס זאָל נישט אַוועקשלעפן צו נישט גוטע פלעצער, אויב מ'גיט זיך נישט אַכטונג קען דאָס חלילה קאַליע מאַכן דיין גאַנצע לעבן".** אַזויווי יעקב אבינו האָט געזאָגט אין זיינע ברכות!

## יעדעס וואָרט מוסר קען ווערן די בעסטע ברכה

דער אור החיים הק' זאָגט אונז אַז אויב די דברי מוסר קומט פון אַזאַ סאָרט פלאַץ, דהיינו אַז מ'זעט די עתיד פון דער נשמה, דעמאָלט הייסט דאָס אַ געוואַלדיגע ברכה! **די 'דברי מוסר' ווערט אַ 'ברכה' און ס'ווערט נתקבל ביי דעם קינד**, אויב מ'זאָגט דאָס אויף אַזאַ סאָרט אופן!

וויפיל מער מען דערהערט דעם יסוד כלפי די קינדער און די תלמידים, דערהערט מען דאָס **אויך פאר זיך אליינס, נישט נאר ווען מען איז מחנך אַנדערע...** מען פאַרשטייט אַז די אַלע שוועריגקייטן וואָס מיר האָבן נעמט זיך בעצם פון אַ גוטע מדה וואָס מיר פאַרמאָגן, אַזוי קען מען דאָס ריכטיג אויסאַרבעטן מיט סייעתא דשמיא!



להצטרף לקבלת השיעורים או החוברות באימייל ולשלוח הערות: ארה"ב. 718.387.1122 | א.י. 03.3096216 | Email. info@machonhavineini.com
קול הביני: ארה"ב – 718.686.8300 | א"י. 072.257.7726 | בריטניה. 0204.586.2115 | בלגיה. 03.300.0223